UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Im Kol Hanaarim (Fun Mayne Kinder-Yorn) ( With All the Youths (From My Childhood))

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8kj5h2b6

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Fridman (Friedman), Yankl (Jacob)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יאַנקל פרידמאַן

# עם כל הנערים

(פון מיינע קינדער־יאָרן.—לכבוד יום־טוב)

דאָס שטעטל איז מיט אַ מאָל אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ שרעקלעכער נייעס, מענדל באַשעס, דער בעל־עגלה, וואָס פירט אָפּט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט דאָרפישן פּראָוויאַנט קיין וואַרשע, איז אויפן וועג אומגעקומען. געשען איז עס ווען דער שטאַרקער מענדל האָט פּרובירט העלפן זיין פערד אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פון אַ בלאָטע, האָט זיך דער שווערער וואָגן אומגעקערט און דערדריקט צום טויט מענדלען.

מענדל באַשעס, אַ היציקער פּעסט־געבויטער נאָך יונגער ייד, האָט פאַרמאָגט אַ סך גוטע מידות. ער איז געווען, ווי מען זאָגט, די ערלעכקייט אַליין. אויף זיין וואָרט האָבן שטעטלשע קרעמער געשטעלט מער ווי אויפן וואָרט פון די שענסטע באַלעבאַטים, הגם געדאַוונט האָט ער אין אַלטן בית המדרש צוזאַמען מיט די טרעגערס, קצבים און בעלי־מלאכות. פאַר אונדז ייִנגלעך איז מענדל באַשעס געווען דער בעסטער פריינד אין שטעטל. ער האָט זיך קלומרשט געמאַכט נישט זעענדיק ווען אַ ייִנגל פלעגט זיך אָנהענגען אויף זיין וואָגן, אים אפילו געלאָזט מיטפאָרן צו דער באַן. און אַז אַ גוי פלעגט זיך אין אַ זונטיק אָנשיכורן אין מאיר עליעס טשיינע און אָנהייבן סקאַנדאַלעווען, האָט מען בלויז געדאַרפט זאָגן: „מענדל אידזשע" (מענדל קומט) און ס'איז שטיל געוואָרן.

מענדל איז געווען אונדזער ייִנגלשער ייִדישער העלד און איך מיט מיין חבר אַלטער האָבן צווישן זיך שטילערהייט אָפּגעמאַכט, אַז ביים זאָגן די ברכות אין דער פרי ביים דאַוונען, וועלן מיר אין זינען האָבן איין ברכה פאַר מענדל באַשעס. אין מיינע אויגן האָט מענדל געהאַט נאָך אַ מעלה: ער האָט האָלט געהאַט צו זינגען און אויך אין אַלטן בית־מדרש אַמאָל דאַווענען פאַרן עמוד.

ווען ס'איז נישט געווען קיין סחורה צו פירן קיין וואַרשע האָט ער געפירט קלאַפּטער האָלץ פון יאַרניצער וואַלד צו דער באַן. פלעגט מיר אַמאָל אָנכאַפּן אַ גרויס חשק זיך אַרויפצוכאַפּן אויף זיין וואָגן אַנשטאָט צו גיין אין חדר. ער האָט מיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, קלומרשט נישט געזען, נאָר ווען שוין אין וואַלד, האָב איך געדאַרפט פאַרזוכן פון זיין אָנבייסן. ער האָט געלאָדן די קלאַפּטער און מיר געהייסן אַכטונג געבן דאָס פערד זאָל עסן דעם האָבער.

— נו, הערשעלע, דיין טאַטע איז דאָך פון די גערער חסידים, פון די זינגערס, טאָ לאָמיר עפּעס הערן אַ גערער ניגון.

איך האָב זיך נישט געלאָזט בעטן און אויף מיין סאָפּראַנאָ אויסגעזונגען פאַר אים דעם גאַנצן נייעם ניגון, וואָס דער טאַטע פלעגט פאַרזינגען פאַר די חסידים שבת צו שלוש־סעודות. איז אָנגעפלויגן אַ טשאַטע פייגל אין יאַרניצער וואַלד און ווי משוררים באַגלייט דעם גערער ניגון. טייל פון זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן פערדס קאַרק, האָט זיך דער „קאַשטאַן"— אַזוי האָט געהייסן מענדלס פערד— צערודערט און מיטן עק זיי פאַריאָגט. האָט מענדל געהאַט אַ טענה צום „קאַשטאַן", פאַרוואָס ער טרייבט פייגעלעך פון זיך.

צוריק פון וואַלד, האָבן מיר שוין צוזאַמען געזונגען „אין דער סאָכע ליגט מזל ברכה", אָדער, בן־ציון דעם משעגענעמס ליד: „די וועלט איז דאָך קיילעכדיק אַזוי ווי אַן איי, פון דער וועלט אַוועקצוגיין איז דאָך ווינד און וויי."

אין דער היים, אַז איך בין נישט געקומען צום אָנבייסן, האָט מען שוין געוווסט, אַז הערשעלע איז מיט מענדל באַשעס, דעם בעל עגלה, אין יאַרניצער וואַלד. האָט געטראָפן אַז דער טאַטע מיינער האָט אויסגערעדט מענדלען, סטייטש, ווי נעמט מען עס אוועק אַ ייִנגל פון חדר אין וואַלד אַריין? איז מענדל אים נישט שולדיק געבליבן:—וואָס מיינט איר עפּעס, ר' מרדכי יוסף! איך דאַוון טאַקע נאָר אין אַלטן בית מדרש, אָבער טרייבן קינדער

פון וואָגן דאַרף מען נישט. און איר, אַ גמרא ייִד, ווייסט מען האָט אויך גערן דעם וואַלד, און די סדרה פון דער וואָך ט׳ער קענען, הערשעלע.

ער איז כ׳לעבן גערעכט געווען מענדל. דער טאַטע האָט פון זיין גראָשעדיק קרעמל נישט געהאַט צו איינהאַנדלען אַ פורל האָלץ פאַרן הויז פלעגט ער מנחה צייט שפּאַנען צום ראַנד פון יאַרניצער וואַלד, אָנקלייבן אַ בינטל טרוקענע צווייגן און עס אַהיים טראָגן אויפן אַקסל, עס זאָל זיין מיט וואָס עפּעס אָפּצוקאָכן. האָט מען געפרעגט דעם טאַטן, ווי פאַסט עס פאַר אַ ייִד אַ למדן, אַ גערער חסיד, טראָגן האָלץ פון וואַלד? האָט ער תמימותדיק געענטפערט: איך האָב באַצאָלט דעם רבונו של עולם דערפאַר מיט אַ מנחה דאָרט ביי אַ בוים, און די פייגעלעך האָבן די שמונה עשרה ברכות אַוודאי אַרויפגעבראַכט צום הימל, און אפשר נאָך העכער, ביזן כסא הכבוד.

אַז מענדלס יונגע אַלמנה,ביילע רבקה, איז געבליבן אָן אַ ברויטגעבער, איז זי אַריינגעקומען צו יאָסעלע מלמד, אין וועמענס חדר איר אַכט יאָריקער חיימקע האָט געלערנט, און צו אים אַזוי געזאָגט: איר זעט דאָך רבי מיין „פּאָלאָזשעניע”. איך מוז פאָרן קיין וואַרשע קריגן אַ שטעלע, כדי זיך און דעם יתום אויסהאַלטן, בעט איך אייך, רבי, האַלט חיימקען דערווייל ביי זיך, זאָל ער זאָגן קדיש נאָכן טאַטן. זיין טאַטע האָט אים געלערנט שרייבן, לערנט אים נאָך צו, ער זאָל מיר קענען אַ בריוועלע שיקן. איך וועל אייך מערטשעם (אי״ה) רבי פאַר אַלץ אָפּצאָלן. יאָסעלעס פרוי, שרה הינדע, איז געשטאַנען דערביי, זיך געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן, און צוגעזאָגט ביילע רבקהן צו אָפּהיטן חיימקען ווי אַן אייגן קינד.

אין חדר האָט מען מער ביט גערופן חיימקען מיט אַ „צונאָמען” ווי דעם בעל עגלעס ייִנגל. מען האָט אויף אים געהאַט רחמנות, אויך מורא געהאַט, ווייל „ער קאָן נאָך אָנשיקן זיין טויטן טאַטן”. אברמעלע שייע סאָלטעסעס ייִנגל, האָט „געוווסט” ווען גאָט איז אין כעס. אַז ער האָט עמעצן דעמלט געשאָלטן איז די קללה מקוים געוואָרן. אַ סימן, מענדעלע יאַנקל סאָניעס איז קראַנק געוואָרן, נישט געקומען פיר וואָכן אין חדר, ווייל אַוורעמעלע האָט אים געשאָלטן. האָבן די קינדער אַוורעמלען אָפּגעגעבן די טייערסטע זאַכן וואָס זיי האָבן געבראַכט פון דער היים, ער זאָל זיי נישט שעלטן. נאָר נישט חיימקע; פאַר אים האָט אפילו אַוורעמל מורא געהאַט, ווייל זיין טויטער טאַטע נעמט זיך דאָך אָן פאַר אים!

אין איינעם פון די יום־טובדיקע וואָכנטעג האָט חיימקע מיטן רבינס הילף אָנגעשריבן דער מאַמען אַזאַ בריוול: „טייערע מאַמע, די שטיוועלעך און אַנדערע זאַכן וואָס דו האָסט מיר געשיקט פאַסן מיר זייער. די קינדער זאָגן, אַז זיי זעען אויס ווי אמת וואַרשעווער. איך זאָג קדיש יעדן טאָג אין אַלטן בית־מדרש, ווו דער טאַטע האָט געדאַוונט. אַזוי הייסט דער רבי. שבת און יום־טוב גיי איך מיטן רבין אין נייעם בית־מדרש. דער רבי הייסט מיר דיר שרייבן אַז איך קען אויסנווייניק אַלע ברכות צו דער תורה. ווען מען רופט שמחת תורה אויף אַלע ייִנגלעך צו דער תורה, וועט מען מיך אויך אויפרופן. איך וועל זאָגן די ברכות מיטן יום־טובדיקן ניגון און אַלע ייִדן וועלן זאָגן אָמן.”

שמחת תורה אין דער פרי איז אין בית המדרש געווען אַ גרויס געפּילדער פון פריילעכע קינדער מיט פענער אין די הענט, אויף די פענער רויטע עפּל מיט ברענענדיקע ליכטעלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די בית־מדרש לופט מיט געשמאַלצענעם חלב. חיימקע האָט קיין פאָן נישט געטראָגן; ער איז שוין נישט פונעם קליינוואַרג. מען וועט אים היינט אויפרופן צו דער תורה, אַזוי האָט דער רבי צוגעזאָגט, נאָר דאָס הערצל אין אים טאַנצט אין איין ציטערניש. ער געדענקט גוט אַלע ברכות, נאָר עפּעס האָט ער מורא פאַר דעם ייִד וואָס שטייט אויפן באַלעמער און רופט אויף די ייִנגלעך. דאָס איז ר׳ מיכל באַקאַלייטשיק, צו וועמען זיין טאַטע פלעגט ברענגען קאַסטנס סחורה פון וואַרשע. אַזאַ בייזער זעט אויס דער ר׳ מיכל. אפשר קאָן ער זיך גאָר אויף אים נישט אומקוקן, נאָר זיין גוטער רבי האָט אים דאָך צוגעזאָגט. מסתמא ווייסט דער

רבי, און אַ יתום טאָר מען דאָך נישט פאַרשעמען, זאָגן די קינדער אין חדר, און ער האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, פלאַטערט ביי חיימקען דאָס הערצל.

דערווייל איז פינחס דער שניטקרעמער אומגעלאָפן אין בית־מדרש פאַריאַכמעט, זיין משהלען געהייסן אויפרופן דעם ערשטן, דערנאָך אויסגעקליבן אַנדערע ייִנגלעך, און אַ ווינק געגעבן צו ר׳ מיכלען אויף דער בימה: — יעמוד הבחור...

חיימקע איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו יאָסעלע מלמד, געקוקט אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן: — רבי, כ׳האָב צוגעזאָגט דער מאַמען.

דער אָרעמער גוטער מלמד האָט געשפירט דעם יתומס ציטערניש, מען זאָל אים דאָ נישט אויסנלאָזן. ער האָט געמיינט, יאָסעלע, אַז פאַר אַ יתום וועט דער שניט־סוחר אַליין האָבן אייבזעניש. ר׳ פינחס, ר׳ פינחס — האָט דער מלמד שטיל געבעטן — פאַרגעסט נישט דעם יתום! — נו, האָט פינחס אַ מורמל געטאָן, מ׳וועט שוין זען. און אָט זעט חיימקע ווי פינחס פירט צום באַלעמער פישעלען, שעפסל קרעמערס ייִנגעלע, וואָס גרייכט נישט חיימקעס אַקסל. דער מלמד פילט ווי דער יתום צאַפּלט זיך. אוי! ווען ער קאָן אַ דעה זאָגן די גבאים, די סוחרים. — ר׳ פינחס, ר׳ פינחס, שטאַמלט העכער יאָסעלע, ס׳אי׳ דאָך אַן עברה אַ יתום. — נו, נו, ענטפערט דער שניטקרעמער — עס כל הנערים איז אויך רעכט. הערט חיימקע דעם שניטקרעמערס קול, וואָס שרעקט אים, וואָס טוט אים אַזוי ווײ, אַזוי ווײ!

ער פלאַטערט, חיימקע, דאָס הערצל גייט אים אויס. עפּעס האַרט אים, עפּעס פאַרדריסט אים, נאָר פינחס שלעפּט אים שוין מיט אַנדערע קליינע ייִנגעלעך אַרויף אויפן באַלעמער, מען דעקט אַלע איבער מיט אַ טלית, נאָר ווען מיכל באַקאַלייטשיק הייבט אָן זאָגן מיט די קינדער די ברכות איבער דער תורה, שניידט פון אונטערן טלית זיך אַרויס אַ שאַרף ייִנגליש כליפּענדיק געוויין: „מאַמע, מאַמע", הערט דער בית־מדרש דעם יתומס קול, וואָס איז העכער נאָך פון ר׳ מיכלס ברכות, און קלערט זיך איבער די קעפּ פון די דאַוונערס צו די בית־מדרש פענצטער אַרויפצו הויך, און אפשר אפשר נאָך העכער!...

## ה. לייוויק פאַרלאַג

דער ייִדישער שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל מעלדעט, אַז פון 1טן יולי 1979 נעמט דער פאַרלאַג אָן אַרויסצוגעבן ביכער און אַנדערע אויסגאַבן פון שרייבערס אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

וועגן גענויע אינפאָרמאַציעס זיך ווענדן: בית לייוויק, תל־אביב, רחוב דב הוז, 30, תל אביב, ישראל.


וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"
זיך ווענדן צו:

SOL SCHLOSSER

1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035